1182

# טייערע אידן !

## שומרי שבת מענער פרויען און קינדער הי"ו

עס איז לעצטענס פארשפרייט געווארן א לאנגע ליסטע פיל מיט נעמען וואס בבלומרשט האלטן זיי אז ברוקלין האט א דין פון א רשות הרבים דאורייתא און אז אין גרויסע שטעט ווי ברוקלין קען מען בכלל נישט מאכן קיין עירובין און די מפיצים (בני בלי שם) האבן זיך נישט באגנוגנט מיט דעם וואס זיי האבן מטיל ספק געווען אין אלע עירובין וואס זענען געבויט געווארן דורך אויס אלע יארן בהסכמת רוב מנין ורוב בנין מורי הוראות בזמנינו (עי' הרשימה דלהלן) אין האבן נאך מוסף געווען חטא על פשע מיט'ן אנרופן אחינו תושבי בארא פארק (אשר רובם ככולם מטלטלים ע"י העירוב) "מחללי שבת" רח"ל.

אין דער אמת איז אז מיר יהדות החרדית דבארא פארק וואלטן זיך בכלל נישט געדארפט רעכענען מיט די דאזיגע מגלים פנים בתורה שלא כהלכה אשר דינם ידוע שאין להם חלק לעולם הבא אבער היות אז זיי האבן מסלף געווען מציאות'ן וואס ממש אבן מקיר תזעק ווי ווייט זייער תאוות הנצחון דערגרייכט, האבן מיר מחליט געווען איבערצופרישן אין איבערצוגיין מיט אחינו תושבי בארא פארק עטליכע וויכטיגע פונקטען משיטת והנהגת רבותינו בעניני עירובין כדי אז עס זאל חלילה נישט זיין אפילו אחד מבני חבורתינו וואס זאל אריין גערעכנט ווערן אין דעם כלל פון כסיל בחשך הולך, ופתי יאמין לכל דבר.

## להתוודע ולהגלות

אט האט איר א רשימה חלקית פון גאוני וגדולי ישראל המפורסמים תקיפי קדמאי וואס האבן מסכים געווען אין מעודד געווען מתקן צו זיין עירובין אין מאנהעטן אדער ברוקלין (לפי סדר השנים בערך).

הגאון המהרשם מבערזאן, הגאון בעל דברי מלכיאל, הג"ר ארי לייבוש מסטאניסלוב בעל שו"ת הרי בשמים, הג"ר משה מייזליש אב"ד פרעמישלא, הג"ר משה נחום ירושלימסקי אב"ד קיעלץ, הגאון בעל שו"ת תירוש ויצהר, הג"ר שלמה דוד כהנא מווארשא, הג"ר יונתן שטייף, הג"ר יוסף אליהו הענקין, כ"ק אדמו"ר הג"ר שמעון קאליש מאמשינאוו, הג"ר מיכאל בער ווייסמאנדל, הג"ר צבי פסח פראנק אב"ד בירושלים עיה"ק, כ"ק אדמו"ר מהרמ"ש מביאן, כ"ק אדמו"ר הג"ר אברהם יושע העשיל מקופיטשניץ, הג"ר משה שטיינבערג אב"ד בראר, כ"ק אדמו"ר הג"ר נחום פערלאוו מנאוואמינסק, כ"ק אדמו"ר מהר"ר ט"ב מסאטמאר (כפי עדות בכתב מהמשב"ק ר"י אשכנזי וגם מהגאונים אבדק"ק קארלסבורג, אודוואר שליט"א, וגם מעדותו של הרה"ג ר' יצחק מאנדל שליט"א אף נתן סכום $300 למען תיקון העירוב בבל וויליאמסבורג, וההתנגדות הקודמת היתה למקומו ושעתו, שלא יעשו ביחד כל תושבי ברוקלין מכל הזרמים והדעות וד"ל), הגה"צ ר' משה אריי' פריינד, (שבידוע עשו לו עירוב כשבא לב.פ.). הג"ר שמואל זעלטענרייך אב"ד שטשאקאווא, הג"ר נפתלי הירצקא קעניג אב"ד שארמאש, כ"ק אדמו"ר מהר"ר גרינוואלד מפאפא, הג"ר יושע כ"ץ אב"ד סאמבאטהעלי, הג"ר יוסף אליהו שטיינער דומ"ץ קהל עדת יראים, הג"ר מאיר גרינבום אב"ד קעזמארק, הג"ר חיים בערגער אב"ד מישקאלץ, הג"ר חיים אויש אב"ד לופעני, כ"ק אדמו"ר מהרמ"מ מליבאוויטש, כ"ק אדמו"ר מהרי"י האלבערשטאם מצאנז קלויזענבורג, הג"ר אברהם מאיר איזראעל אב"ד הוניאד, ועוד אשר הסכימו ולא הספיקו לכתוב, זכר כולם לברכה לחיי העולם הבא.

## מה נשתנה העירוב הזה מכל העירובין

צו איז דעם דען דאס ערשטע מאל וואס אידישע קינדער מאכן א עירוב אין בארא פארק (מען דארף נישט צו קומען צו קראקא, ווארשא, אדער לאדזש) לכו נא ונוכחה צו האבן דען נישט קיין גדולים, מורי הוראות, רבנים וכו' געמאכט קיין עירובין דא אין בארא פארק/וויליאמסבורג, צו גייען די רבנים המפורסמים מטה אויך ארויף אויף די שווארצע ליסטע פון די וועד לשמירת שבת אין ווערן אויך אן גערופן מחללי שבת ומנסכי יין רחמנא לשיזבן? אין אפשר זענען די דאזיגע רבנים אויך שולדיג אין די לעצטיגע טראגעדיע'ס וואס טוען אינז באטרעפן?

אט האט איר א רשימה חלקית פון גדולי ישראל בדורינו שליט"א וואס האבן פאר זיך מתקן געווען עירובין אין צורות הפתחים ברחוב העיר אין די ארום פון זייער הויז אדער בית המדרש אין ברוקלין.

כ"ק אדמו"ר מבאבוב, כ"ק אדמו"ר מסאטמאר, כ"ק אדמו"ר מוויזשניץ, כ"ק אדמו"ר מסקולען (בוו"ב), כ"ק אדמו"ר מקאשוי (בוו"ב), כ"ק אדמו"ר מבעלזא, כ"ק אדמו"ר ממונקאטש, כ"ק אדמו"ר מוויען, כ"ק אדמו"ר מפאפא ב"פ, כ"ק אדמו"ר מפאפא ומב"ג, כ"ק אדמו"ר מספינקא, (וו"ב) הגאונים הרבנים אבדק"ק אודוואר, אונגוואר, יאקע, לינץ, סערדאהעלי, סטאניסלאוו, נטעי גבריאל, קאסוב, שאפראן, הג"ר אפרים פישל הערשקאוויטש, הג"ר אברהם לייטנער, הג"ר יחזקאל ראטה, הג"ר ישראל חיים מנשה פרידמאן, ועוד כמה וכמה קהלות, וביניהם לפני בית דין צדק של התאחדות הרבנים (דיווידאן עוו.). שיחיו לאורך ימים טובים דשנים ורעננים, אבי"ר.

## אלא מאי, "מרוב הידיעה רוב השבחה"